**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 05/30/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט צווייטע פאזע פון מיד-האדסאן מאמענטום פאנד באלוינונגען צו פארשנעלערן וואוינונג אנטוויקלונג איבער די ראיאן

***60 מיליאן דאלאר אין רונדע II פינאנצירונג וועט שטיצן 10 סטראטעגישע פראיעקטן צו בויען נייע וואוינונגען, פארבעסערן קריטישע אינפראסטרוקטור און אויפשליסן צוקונפטיגע אנטוויקלונג פאטענציאל***

***באלוינונגען זענען פאר צו פריאריטיזירן פרא-וואוינונג געמיינדעס און געמישטע-באנוץ, טראנזיט-אריענטירטע אנטוויקלונג אינטער גאווערנער'ס פרא-וואוינונג געמיינדעס פראגראם***

***לערן איבער די מיד-האדסאן מאמענטום פאנד אויף*** [***esd.ny.gov/momentum***](https://esd.ny.gov/momentum)

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די צווייטע רונדע פון באלוינונגען אינטער די מיד-האדסאן מאמענטום פאנד (Mid-Hudson Momentum Fund), צושטעלענדיג מער ווי 60 מיליאן דאלאר צו שטיצן 10 טראנספארמאטיווע פראגראמען איבער די מיד-האדסאן ראיאן. די גרענטס וועלן נוצן 627 מיליאן דאלאר אין סך הכל פובליק-פריוואטע אינוועסטירונג צו קריטישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען און געמישט-באנוץ פראיעקטן וועלכע וועלן ערמעגליכן סיגניפישע נייע וואוינונג אנטוויקלונג איבער ארענדש, ראקלענד, סוליוואן, אולסטער און וועסטשעסטער קאונטיס. די פראיעקטן לויפן פון נייע געמישטע-באנוץ און געמישטע-איינקונפט וואוינונג דיוועלאפמענטס צו וויכטיגע וואסער באהאנדלונג איינריכטונגען און אפלוף וואסער אינפראסטרוקטור וועלכע וועלן צוזאמען אויפשפארן מער ווי 8,000 נייע איינהייטן פון וואוינונגען, איבער 2,000 פון וועלכע וועלן זיין צוגענגליך.

"די צווייטע רונדע פון מיד-האדסאן מאמענטום פאנד באלוינונגען שפילגן אפ אונזער פרא-אקטיווע צוגאנג צו אדרעסירן ניו יארק'ס קריטישע וואוינונג מאנגל ווען פארשטערקערן די אינפראסטרוקטור געדארפט פאר בליענדע, שטאנדהאפטיגע געמיינדעס," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "פון פארזיכערן ריינע וואסער אין ארענדש קאונטי צו אויפלעבן דאונטאון מאונט ווערנאן, די סטראטעגישע אינוועסטירונגען ציינן אונזער אנגייענדע צוזאמארבעט ציט פרא-וואוינונג געמיינדעס וועלכע טוהן אקטיוו שטיצן וואקס און עקאנאמישע געלעגנהייט."

**עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנער Hope Knight (האופ נייט) הט געזאגט,** "די צען פראיעקטן שטעלן פאר די פאראויס-טראכטענדע צוגאנג ניו יארק נעמט צו אדרעסירן סיי אונזער יעצטיגע וואוינונג געברויכן און די אינפראסטרוקטור שוועריגקייטן וועלכע האבן לאנג איינגעהאלטן דיוועלאפמענט. אינטער גאווערנער Hochul'ס (האקול'ס) פירערשאפט, אונז אינוועסטירן אין די גרונטליכע סיסטעמען וועלכע וועלן שטיצן נאכהאלטיגע וואקס און עקאנאמישע געלעגנהייטן דורכאויס די מיד-האדסאן ראיאן פאר צענדליגע יארן צו קומען.

**ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע באנייונג (Homes and Community Renewal) קאמיסיאנער RuthAnne Visnauskas (רוטענע וויסנאוסקאס) האט געזאגט,** "די 10 מיד-האדסאן מאמענטום פראיעקטן געמאלדן היינט, בויען אויף די ערשטע רונדע פינאנצירונג, געבן צו די גאווערנער'ס אינאווירענדע פרא-וואוינונג געמיינדעס פראגראם (Pro-Housing Communities Program), און וועט שטעלן א מעכטיגע ביישפיל פאר געמיינדעס דורכאויס די האדסאן וועלי. דורך אינוועסטירן אין די קריטישע גרונטליכע ארבעט נויטיג צו אויפשפארן 8,000 נייע און פארשידנארטיגע וואוינונג געלעגנהייטן אין פרא-וואוינונג סערטיפירטע געמיינדעס דורכאויס די ראיאן, אונז צייגן אונזער פארפליכטונג צו אינטערגירטע, האליסטישע לעזונגען וועלכע פארמערן וואוינונג סופליי ווען אויך אויסשטעלענדיג געמיינדעס פאר סוקסעס און זיי מאכן וויבראנטע פלעצער וואו איינוואוינער און ביזנעסער קענען בליען."

**MHREDC געמיינזאמע טשעירס דאקטאר Marsha Gordon (מארשא גארדאן) און דאקטאר Kristine Young (קריסטין יאנג) האבן געזאגט,** "די סטראטעגישע אינוועסטירונגען דורך די מיד-האדסאן מאמענטום פאנד זענען קריטיש אין אדרעסירן אונזער ראיאן'ס וואוינונג און אינפראסטרוקטור געברויכן, אויספארמענדיג די וועג פאר נאכהאלטיגע עקאנאמישע וואוקס. די פארשידנארטיגקייט פון די פראיעקטן- פון וויכטיגע וואסער סיסטעמען ביז געמישטע-באנוץ דיוועלאפמענטס - טוהן דירעקט פאראויס ריקן אונזער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג פריאריטעטן און שטעלט אויס אונזער געמיינדעס פאר לאנג-טערמיניגע וואויל-שטאנד. צוזאמען, זיי רעפריזענטירן א סיגניפישע טריט פאראויס אין שאפן שטאנדהאפטיגע געמיינדעס, פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן און אויפשפארן די מיד-האדסאן'ס ראיאן פולע פאטענציאל."

**רעפריזענטיוו George Latimer (דשארדש לאטימער) האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער Hochul (האקול) און סטיעט פירער פאר זייער אנגייענדע אינוועסטירונגען אין וועסטשעסטער קאונטי. עס איז נישט קיין געהיימעניס אז אונזער ראיאן דארף מער וואוינונגען און אונז דארפן עס שנעל. איך בין זייער פריילעך צו זעהן יאנקערס, פארט טשעסטער, מאונט ווערנאן און ניו ראשעלע זענען געווארן אויסגעוועלט צו באקומען פינאנצירונג פאר אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען און צו פארענדיגן געמישטע-באנוץ און טראנזיט-אירענטירטע פראיעקטן. די סטראטעגישע אינוועסטירונגען ווען פארשטערקערן אונזער געמיינדעס און זיי מאכן מער וואוינבאר פאר יארן צו קומען."

**מאיאריטעט פירער Andrea Stewart-Cousins (אנדריא סטיווארט-קאזינס) האט געזאגט,** "אינטער מיין פירערשאפט, אונזער סענאט מאיאריטעט האט פריאריטיזירט אינוועסטירונגען וועלכע פארשטערקערן געגענטער און בויען וויבראנטע געמיינדעס, און די מיד-האדסאן מאמענטום פאנד באלוינונגען פאר Bridgewater North ביי Ludlow Station און The Abbey on Park ברענגען ארויס דעם פארפליכטונג. די טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלן שאפן נייע, קוואליטעט היימען אין יאנקערס, פארבעסערענדיג אונזער געגענטער מיט געמישטע-באנוץ, טראנזיט-אריענטירטע דיוועלאפמענטס וועלכע שטעלן צו געלעגנהייטן פאר אלע איינוואוינער. איך בין שטאלץ צו זיין די פאן טרעגער פון איניציאטיוון וועלכע פארזיכערן יאנקערס טוט ווייטער בליען אלץ אן אריינעמענדיגער, באגריסענדע און דינאמישע שטאט פאר גענעראציעס צו קומען. איך דאנק גאווערנער Hochul (האקול), מיין סענאט מיאריטעט קאלעגעס און אונזער אסעמבלי מיטארבעטער פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירן אין געמיינדע-געטריבענע פראיעקטן איבער ניו יארק."

**סטעיט סענאטאר Shelley B. Mayer (שעלי ב. מעיער) האט געזאגט,** "איך בין גאר פריילעך איז די ווילעדש פון פארט טשעסטער (Port Chester) און די סיטי פון יאנקערס זענען געווארן אויסגעוועלט צו באקומען פינאנצירונג פון די צווייטע רונדע פון די מיד-האדסאן מאמענטום פאנד, געצילט צו פארבעסערן אינפראסטרוקטור און וואיונונג עווועילעביליטי. די דעזיגנירונג פון 10 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן

פארבינדען צו די דיוועלאפמענט פון די געוועזענע United Hospital ארט אין פארט טשעסטער צו פארברייטערן צוגענגליכע און עלטערע וואוינונגען, צוזאמען מיט איבער 10 מיליאן דאלאר פאר טראנזיט-אריענטירטע געמישטע דיוועלאפמענטס אין יאנקערס וועט שטארק שטיצן די אנגייענדע וואקס פון אונזער וויבראנטע געמיינדעס. איך בין שטאלץ צו רעפריזענטירן ביידע פון די געמיינדעס. מיינע טיפע דאנקען פאר גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר דעם אינוועסטירונג אין וועסטשעסטער."

**סטיעט סענאטארטשע Michelle Hinchey (מישעל הינטשי) האט געזאגט,** "די Quality Inn Conversion פריעקט אין קינגסטאן רעדט צו די דרינגענדע געברויך פאר פערמאנאטע, שטיצענדיגע וואינונגען אין אלסטער קאונטי - העלפענדיג אונזער שכנים וואס דארפן עס די מערסטע טרעפן סטאביליטעט דורך א מאדעל וועלכע קאמבינירט זיכערע, לאנג-טערמיניגע וואוינונגען מיט אויפן-ארט סערוויסעס. עס איז א דורכגעטראכטע אינוועסטירונג אין צוריגשטעלן ווירדן און שאפן געלעגענהייט אין וועג וועלכע וועט זיכער פארבעסערן לעבענס און פארשטערקערן אונזער געמיינדע. איך בין שטאלץ צו זיין די פאן טרעגער פאר די פראיעקט פאר יארן, און איך בין פרייליך אז עס באקומט 2.5 מיליאן דאלאר אין נאך סטעיט הילף דורך די מיד-האדסאן מאמענטום פאנד, און איך דאנק די גאווערנער פאר איר אנגייענדע מיטארבעט."

**אסעמבלימעמבער Steve Otis (סטיוו אטיס) האט געזאגט,** "די מיד-האדסאן מאמענטום פאנד איז א וויכטיגע פראגראם ין שטיצע פון וויכטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן אין אונזער ראיאן. די פינאנצירונג וועט זיין א קריטישע הילף פאר די באשאנקענע וועלכע בויען דינאמישע פראיעקטן אין פארט טשעסטער און ניו ראשעלע. דאנקן גיין צו גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), עמפייר סטעיט פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנער Hope Knight (האופ נייט), די סענאט און אסעמבלי פארן מאכן די וויטאלע פינאנצירונג שטרום מעגליך."

**אסעמבלימעמבער Jonathan Jacobson (דשאנעטען דשעיקאבסאן) האט געזאגט,** "די אייניציגסטע וועג צו לעזן די קריזיס פון די מאנגל אין וואוינונגען איז צו בויען מער וואוינונגען. איך אפלאודיר די גאווערנער'ס מאמענטום פאנד צו בויען מער וואוינונגען אין די מיד-האדסאן וועלי. איך בין געווען שטאלץ צו שטיצן די וויכטיגע פראגראם אין די סטעיט בודשעט."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקעטיוו Ken Jenkins (קען דשענקינס) האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט אין אדרעסירן די וואוינונג קריזיס איבער ניו יארק סטעיט." דא אין וועסטשעסטער קאונטי, אונז ארבעטן שווער צו בויען מער צוגענגליכע וואוינונגען, און די מאמענטום פאנד אינוועסטירונג איז א שפיל טוישער אין פארמערן די צאל מענטשן וועלכע וועלן האבן א ווארעמע פלאץ צו רופן היים. די פינאנצירונג וועט העלפן אנטוויקלן 2,000 נייע צוגענגליכע וואוינוגג איינהייטן אין די האדסאן וועלי. עס איז נישט נאר איבער אויפבויען געביידעס - עס איז איבער שאפן וויבראנטע, אייניגע געמיינדעס וואו יעדער האט די געלעגענהייט צו בליען, יעצט און פאר גענעראציעס צו קומען."

**יאנקערס מעיאר Mike Spano (מייק ספענא) האט געזאגט,** "א דאנק צו גאווערנער Hochul (האקול) און די סטעיט דעלעגאציע פארן זיך נעמען צו וואוינונגען און עס מאכן א פריאריטעט, ספיציעל דא אין יאנקערס. אלץ מעיאר פון די דריטע גרעסטע שטאט אין ניו יארק סטעיט, די וויכטיגקייט פון טראנסיט אריענטירטע דיוועלאפמענט ערלויבן אונזער איינוואינער און פאמיליעס צו א נאך בעסערע קוואליטעט פון לעבן."

די מיד-האדסאן מאמענטום פאנד זעצט פאר צו פריאריטיזירן לאקאליטעטן וועלכע דעמאנסטרירן זייער פארפליכטונג צו נאכהאלטיגע וואקס דורך גאווערנער Hochul's (האקול'ס) פרא-וואוינונג געמיינדעס פראגראם. געמיינדעס וועלכע טוהן אקטיוו פארשנעלערן פראצעסן און נעמען אויף פרא-דיוועלאפמענט

פאליסיס באקומען פריארטיעט פאר סטעיט פינאנצירונג. ניין פון די צען פראיעקטן וועלכע באקומען פינאנצירונג היינט זענען לאקאירט אין סערטיפירטע פרא-וואוינונג געמיינדעס, און די איבריגע פראיעקט איז לאקאירט אין די ווילעדש פון מאנטיסעלא, וועלכע האט אריינגעגעבן א בריוו פון פלאן צו ווערן סערטיפירט.

גאווערנער Hochul (האקול) האט אריינגעגעברענגט די 150 מיליאן דאלאר מיד-האדסאן מאמענטום פאנד אין 2023 אלץ טייל פון איר גרונטליכע באמיהונג צו פארמערן ניו יארק'ס וואוינונג סופליי, אדרעסירן וואוינונג צוגענגליכקייט און טרייבן נאכהאלטיגע ראיאנישע וואקס. אויסגעוועלטע פראיעקטן זענען אויסגעשטעלט מיט די מיד-האדסאן ראיאנישע אנטוויקלונג קאונסיל'ס ( Mid-Hudson Regional Economic Development Council) סטראטעגישע פלאן, צייגענדיג פובליק שטיצע, צושטעלענדיג צוגענגליכע איינהייטן און פארבעסערן אינפראסטרוקטור צו אנדרייען פארמערטע וואוינונג דענסיטי. איבער ביידע פאנדינג רונדעס, די פראגראם האט יעצט אינוועסטירט אין מער פון 127 מיליאן דאלאר אין פראיעקטן וועלכע שפאנען אלע זעקס מיד-האדען קאונטיס וואס צייגט די פאנד'ס ראיאנישע אימקפאקט און גרונטליכע צוגאנג צו אדרעסירן דיוועלאפמענט שוועריגקייטן דורכאויס די מיד-האדסאן וועלי. די פראיעקטן וועלן אויפשפארן מער פון 10,6000 וואוינונג איינהייטן, אריינגערעכנט מער ווי 3,400 צוגענגליכע איינהייטן.

**רונדע II באלוין געניסער:**

- **10 מיליאן דאלאר** פאר **קרית יואל וואסער באהאנדלונג איינריכטונג איינפירונג פראיעקט (ארענדש קאונטי)** - די לעצטע באשטיינדל פון די מולטי-פאזע Catskill Aqueduct Connection Project, די נייע וואסער באהאנדלונג איינריכטונג וועט פארזיכערן די סטאבילע וואסער סופליי וויכטיג פאר פולצאליגע נייע וואוינונג דיוועלאפמענטס צו פאראויסגיין. די פראיעקט ערמעגליכט די ווילעדש צו איבערמאכן עקזיסטירענדע קוואלן צו בעקאפ סיסטעמען, אוועקנעמענדיג א קריטישע צוימונג צו וואוינג וואקס און שאפענדיג 5,229 איינהייטן, אריינגערעכנט 1,047 צוגענגליכע איינהייטן. סך הכל קאסט פון פראיעקט איז מער פון 52.5 מיליאן דאלאר.
- **10 מיליאן דאלאר** פאר **טאון פון ראמאפא אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען (ראקלענד קאונטי)** - קריטישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגן אריינגערעכנט ארום צוויי מייל פון נייע אפפאל אפלויף רערן און א נייע וואסער מעין וועלכע דינט אינטערגעדינטע צפון מזרח געגענטער. די פארבעסערונגען וועלן אדרעסירן וואסער סופליי און ריינע וואסער אפלויף מאנגלן וועלכע טוהן יעצט צוריקהאלטן וואוינונג און קאמערציאלע אנטוויקלונג פון זיך פאראויסריקן. מיט א סך הכל פראיקעט קאסט פון 20 מיליאן דאלאר, די פראיעקט וועט אויפשפארן 1,196 איינהייטן, אריינגערעכנט 296 צוגענגליכע איינהייטן.
- **10 מיליאן דאלאר** פאר **וועסטשעסטער קראסינג (וועסטשעסטער קאונטי)** - אינפראסטרוקטור אנטוויקלונג ביי די געוועזענע United Hospital ארט אין פארט טשעסטער, אריינגערעכנט נייע וואסער, אפפאל אפלויף און שטורעם וואסער פארוואלטונג סיסטעמען אזוי אויך גאסן און סיידוואקס. די פראיעקט וועט שטיצן צוקונפטיגע געמישטע-באנוץ אנטוויקלונג מיט וואוינונג און עלטערע וואוינונג מיט 975 וואינונג איינהייטן, אריינגערעכנט 87 צוגענגליכע איינהייטן און א סך הכל פראיעקט קאסט פון 25.4 מיליאן דאלאר.
- **7.5 מיליאן דאלאר** פאר **Bridgewater North at Ludlow Station (וועסטשעסטער קאונטי)** - א טראנזיט אריענטירטע געמישטע-באנוץ דיוועלאפמענט אין יאנקערס וועלכע וועט האבן 208 נייע אפארטמענטס, אריינגערעכנט 21 צוגענגליכע אפארטמענטס, גראונד שטאק ריטיעל, ספא און פארקינג גאראדש. די פראיעקט נעמט אריין א גרונטליכע געמיינדע בענעפיט פראגראם (Community Benefits Program) וועלכע לעבן אויף O'Boyle Park און שאפט די

נייע Bridge Street Park און פראמענאדע. די סך הכל פראיעקט קאסט איז באלד 113 מיליאן דאלאר.

- **5 מיליאן דאלאר** פאר **QWest (וועסטשעסטער קאונטי)** - א דאונטאון אויפלעבונג קאטאלסט אין מאונט ווערנאן וועלכע טוט איבערזעצן פארלאזטע געיטוועי געביידעס מיט צוויי נייע סטרוקטורן וועלכע ענהאלטן רעזידענטשעל איינהייטן און קאמערציאלע פלאץ. די דיוועלאפמענט נעמט אריין א פארקינג סטרוקטור וועלכע שטיצט פארמערטע דענסיטי אינערהאלב די שטאט'ס טראנזיט אריענטירטע דיוועלאפמענט זאנע. מיט א סך הכל פראיקעט קאסט פון מער פון 158 מיליאן דאלאר, די פראיעקט וועט אויפשפארן 228 וואוינונג איינהייטן, אריינגערעכנט 228 צוגענגליכע איינהייטן.
- **5 מיליאן דאלאר פאר Stella פאזע II (וועסטשעסטער קאונטי)** - א טראנספארמאטיווע געמישטע-באנוץ גיוועלאפמענט נאנט צו ניו ראשעלע'ס Metro-North סטאנציע וועלכע וועט האבן 126 צוגענגליכע קאנקדאמיניום איינהייטן מיט מאדערנע אמעניטיס און די שטאט'ס ערשטע צוגענגליכע דענטאל קליניק. מיט א סך הכל פראיקעט קאסט פון מער פון 100 מיליאן דאלאר, די גענצליך עלעקטריק, LEED-סערטיפירטע פראיעקט וועט זיין וועסטשעסטער קאונטי'ס ערשטע היי-רייז צוגענגליכע קאנדימיניום אין צענדליגע יארן.
- **4.2 מיליאן דאלאר פאר Shaw Building Redevelopment (ארענדש קאונטי)** - היסטארישע ווערהאוז רענאוואציעס אין ניבורג'ס Liberty Street געגענט שאפענדיג וויבראנטע געמישטע באנוץ פלאץ מיט 53 אפארטמענטס, אריינגערעכנט 5 צוגענגליכע אפארטמענטס און קאמערציאלע איינהייטן אריינגערעכנט א דשים, רעסטוראנט און קונסט סטודיא. די אדאפטיווע איבער באנוץ פראיעקט איז שפאצירבאר ווייטקייט פון די היסטארישע ניובורג וואסערפראנט. די סך הכל פראיעקט קאסט איז באלד 22 מיליאן דאלאר.
- **3.75 מיליאן דאלאר** פאר **The Abbey on Park (וועסטשעסטער קאונטי)** - א געמישטע-איינקונפט וואוינונג דיוועלאפמענט אין יאנקערס מיט 81 צוגענגליכע אפארטמענטס איבערר דריי געביידעס, קאמבינירענדיג אדאפטיווע איבער באנוץ און נייע אויפבוי. אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען נעמען אריין פארקינג גאראדש פארבעסערונגן, צוגענגליכקייט אפגרעידש, דרעינעדש פארבעסערונגען און גרינע באנייבארער טעכנעלאגיע אינטערגרירונג. די סך הכל פראיעקט קאסט איז באלד 58 מיליאן דאלאר.
- **2.5 מיליאן דאלאר** פאר **Monticello Manor Lofts (סוליוון קאונטי)** - אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען שטיצענדיג נייע געמישטע-באנוץ, טראנזיט אריענטירטע דיוועלאפמענט מיט 76 רעזידענטשע איינהייטן, אריינגערעכנט ספעציאליזירטע וואוינונג פאר אינדווידואלן מיט דיסאבליטיס און טראומאטישע מח דיסארדערס. מיט א סך הכל קאסט פון באלד 37 מיליאן דאלאר, די פראיעקט נעמט אריין וואסער סיסטעם פארבעסערונגען, גאס און סיידוואק פארבעסערונגען, גרינע טעכנעלאגיע און בראונפיעל סטייל רימידיעישען.
- **2.5 מיליאן דאלאר** פאר **Quality Inn Conversion (אולסטער קאונטי)** - די געביידע קאנווערשען פון די געוועזענע Quality Inn האטעל וועט רעזולטירן אין 83 צוגענגליכע וואוינונג איינהייטן, און קאמערציאלע פלאץ אריינגערעכנט א טעראפעטישע שווים באסיין, שטיצעדיגע סערוויסעס אפיסעס און א געמיינדע צימער. די געוועזענע רעסטוראנט וועט ווערן רענאווירט צו אנהאלטן א קינדער דעיקעיר און א קאמיסערי קאך. די סך הכל פראיעקט קאסטן איז מער פון 41 מיליאן דאלאר.

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די פינאנציעלע יאר 2026 ענעקטעד בודשעט, האט גאווערנאר Hochul (האקול) פארזיכערט איבער 1.5 ביליאן דאלאר אין נייע סטעיט פינאנצירונג פאר האוזינג איבערן סטעיט, אריינגערעכנט אינוועסטירן 100 מיליאן דאלאר פאר

פראו-האוזינג קאמיוניטיס צו פינאנצירן קריטישע אינפערסטראקטשער פראיעקטן צו שטיצן האוזינג אנטוויקלונג, 100 מיליאן דאלאר צו פאראויס-שטופן געמישטע איינקונפט האוזינג אנטוויקלונג אין אפסטעיט קאמיוניטיס, 50 מיליאן דאלאר פאר די ערשטע יאר פון די האוזינג צוטריט וואוטשער פראגראם (Housing Access Voucher Program) צו אדרעסירן הויזגעזונדן וואס זענען היימלאז אדער אונטער די באלדיגע ריזיקע פון ווערן היימלאז, און 50 מיליאן דאלאר צו בויען מער עפארדעבל סטארטער היימען, צווישן אנדערע האוזינג איניציאטיוון. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען, קאפיטאל פינאנצירונג און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. אין צוגאב, אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער געמאלדן א פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער איבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 60,000 הייזער זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודשעט פארשטערקערט אויך די פרא-האוזינג קאמיוניטי פראגראם וועלכע די גאווערנער האט אנגעהויבן אין 2023. דאס האבן סערטיפיקאציע אלס א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי איז יעצט א תנאי פאר לאקאלע רעגירונגען צו קענען באקומען פון די ביז 650 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וועלכע די סטעיט רעגירונג האט שיקול הדעת. ביז יעצט, זענען מער ווי 300 קאמיוניטיס געווארן בארעכטיגט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן